# NYC יושר'דיגע טשאנס פאר האוזינג איינמעלדונג: קרימינאלע היסטאריע

**אנגעהויבן פון <u>יאנואר 1, 2025</u>, איז דאס אומלעגאל פאר רוב האוזינג פּראָווײַדערס אין NYC צו דיסקרימינירן קעגן מענטשן בײַם פארקויפן אדער ארויסדינגען הײַזער צוליב פארגאנגענע באשולדיגונגען, ארײַנרעכענענדיג פאר קאָו-אַפּס און קאנדאָוס.**

די שוץ מאסנאמען פון דעם NYC יושר'דיגע טשאנס פאר האוזינג געזעץ (Fair Chance Housing Law) גייען ארויף אויף יעצטיגע טענאנטס און אויך אויף אפליקאנטן.

| עס איז א פארלעצונג פון דעם געזעץ פאר האוזינג פּראָווײַדערס וועלכע זענען מחוייב צו דעם געזעץ צו: | |
|---|---|
| מאכן באהויפטונגען איבער קרימינאלע פארגאנגענהייט איבערבליק אדער איבער קרימינאלע היסטאריע אדער מאכן סיי וועלכע באגרעניצונגען צוליב דעם אויף אדווערטייזמענטס און אויף אפליקאציעס | באהאנדלען אפליקאנטן אדער טענאנטס אנדערש צוליבן פארגאנגענע באשולדיגונגען, חוץ פון אין וועג ווי עס איז ערלויבט דורך דעם יושר'דיגע טשאנס פאר האוזינג געזעץ. |

האוזינג פּראָווײַדערס וועלכע זענען מחוייב צו דעם געזעץ **טארן <u>קיינמאל</u> <u>נישט</u>** טוישן די תנאים אויף א פארקויף אדער ליעס צוליב פארגאנגענע באשולדיגונגען. האוזינג פּראָווײַדערס וועלכע זענען מחוייב צו דעם געזעץ **קענען** צוריקציהען א האוזינג אפפער אדער צוריקווייזן צו באנייען א ליעס <u>**נאר**</u> צוליב ספעציפישע סארטן באשולדיגונגען און <u>**נאר**</u> ווען זיי קומען נאך די פאדערונגען פון דעם יושר'דיגע טשאנס פאר האוזינג געזעץ.

**דער NYC יושר'דיגע טשאנס פאר האוזינג געזעץ פארלאנגט נישט פון האוזינג פּראָווײַדערס צו איבערקוקן מענטשן'ס קרימינאלע פארגאנגענהייט. סיי וועלכע האוזינג פּראָווײַדער קען באשליסן צו ארויסדינגען אדער פארקויפן האוזינג אן נאכפאלגן די פאלגנדע שריט. די פאלגנדע שריט זענען נאר פאר האוזינג פּראָווײַדערס וועלכע זענען מחוייב צו דעם געזעץ און וועלן אויס צו איבערקוקן די קרימינאלע פארגאנגענהייט.**

---

## אויב א האוזינג פּראָווײַדער וואס איז מחוייב צו דעם געזעץ וועהלט אויס צו איבערקוקן די קרימינאלע פארגאנגענהייט: האט איר רעכטן.

האוזינג פּראָווײַדערס וועלכע זענען מחוייב צו דעם געזעץ **מוזן קודם** נעמען אין באטראכט אייער אלגעמיינע בארעכטיגונג פאר די האוזינג (מעגליכקייט צו ערפילן די תנאים פון די ליעס) <u>און</u> מאכן אן אפפער אויף די האוזינג אונטער א תנאי. **נאר נאכדעם** וואס די אפפער אונטער תנאי ווערט געמאכט איז דאס געזעצליך פאר א האוזינג פּראָווײַדער וואס איז מחוייב צו דעם געזעץ צו איבערקוקן די קרימינאלע פארגאנגענהייט.

**בעפארן** דורכפירן א קרימינאלע פארגאנגענהייט איבערבליק, מוזן האוזינג פּראָווײַדערס וועלכע זענען מחוייב צו דעם געזעץ:

- מאכן פאר אייך א האוזינג אפפער אונטער תנאי <u>און</u>
- אייך געבן א קאפיע פון די איינמעלדונג דאקומענט וואס ערקלערט אייערע רעכטן

האוזינג פּראָווײַדערס זענען אזוי אויך פאראנטווארטליך צו איספאלגן די געזעצן אין באציהאונג צו דאס זאמלען און נוצן פערזענליכע אינפארמאציע, ווי פעדעראלע און סטעיט יושר'דיגע קרעדיט באריכטונג געזעצן (Fair Credit Reporting Acts).

### האוזינג אפפער אונטער תנאי

א האוזינג אפפער אונטער תנאי איז א **געשריבענע ליעס, רענטעל אפמאך אדער פארקויף אפמאך** וואס זאגט צו א יוניט(ס) פאר איינעם צו דינגען אדער קויפן, און עס קען נאר צוריקגעצויגן ווערן אין באגרעניצטע אומשטענדן. דערנאך קען א האוזינג פּראָווײַדער וואס איז מחוייב צו דעם געזעץ אויסוועהלן אדער:

| <u>נישט</u> צו דורכפירן א קרימינאלע פארגאנגענהייט איבערבליק, אדער | <u>יא</u> צו דורכפירן א קרימינאלע פארגאנגענהייט איבערבליק |
|---|---|
| דאן קען דער האוזינג פּראָווײַדער אדער שליסן די אפפער אדער עס צוריקציהען פאר א געזעצליכע און נישט דיסקרימינירנדע צוועק וואס האט נישט צו טוהן מיט א פארגאנגענע באשולדיגונג. | עס איז אומלעגאל פאר דעם האוזינג פּראָווײַדער צו אויפזוכן אדער איבערקוקן אייער קרימינאלע פארגאנגענהייט בעפאר איר באקומט אן אפפער אונטער תנאי. |



קאנטאקט אינפארמאציע www.nyc.gov/HumanRights 212-416-0197 22 Reade Street, New York, NY 10007

### קרימינאלע פארגאנגענהייט איבערבליק

אויב א האוזינג פּראָווײַדער וואס איז מחוייב צו דעם געזעץ וועהלט אויס צו דורכפירן א קרימינאלע פארגאנגענהייט איבערבליק נאכן מאכן אן אפפער אונטער תּנאי, קענען דער פּראָווײַדער נאר נעמען אין באטראכט א **גאר באגרעניצטע** צאל פון באשולדיגונג קאטעגאריעס:

- באשולדיגונגען וועלכע פארלאנגען צו זיין רעגיסטרירט אויף אן אפיציעלע ליסטע פון סעקסועלע פארברעכער ביי די צייט פון די פארגאנגענהייט איבערבליק
- 'פעלאני' באשולדיגונגען פון די פארגאנגענע 5 יאר, חוץ פון די וועלכע זענען אויסגערעכנט אונטן
- 'מיסדימינער' באשולדיגונגען פון די פארגאנגענע 3 יאר, חוץ פון די וועלכע זענען אויסגערעכנט אונטן

די 3 אדער 5 יאר ווערן געציילט פון די **טאג פון די פאקטישע באפרייאונג <u>אדער</u> די טאג פון די אורטייל** (אויב די אורטייל רעכנט נישט אריין צייט אין טורמע), אפגעזעהן פון אויב זיי זענען דערנאך אויף פּראָובעישען אדער פּעראָול.

א האוזינג פּראָווײַדער וואס איז מחוייב צו דעם געזעץ מעג <u>**קיינמאל נישט**</u> נעמען אין באטראכט אן ארעסט אדער געריכט פעלער פאר אן אורטייל ווערט געמאכט, אדער:

- באשולדיגונגען וואס זענען פארזיגלט געווארן; זענען אפגעמעקט געווארן; האבן באקומען א פארדאן פון א פרעזידענט אדער גאווערנאר; האבן א סערטיפיקאט וואס באשיצט פון קאנסעקווענצן פון געוועזענע באשולדיגונגען ('רעליף אָוו דיסאביליטיס'); אדער לעגאל פולשטענדיג בטל געמאכט
- באשולדיגונגען פאר פארלעצונגען וועלכע זענען נישט קרימינאל, ווי צום ביישפיל פאר ווילדע אויפפירונג
- באשולדיגונגען אונטער פעדעראלע געזעץ אדער געזעץ פון אן אנדערע סטעיט פאר אויפפירונג וואס האט צו טוהן מיט קינדער-געבורט קעיר אדער דזשענדער-צופאסנדע קעיר וואס זענען געזעצליך אין ניו יארק סטעיט
- באשולדיגונגען אונטער פעדעראלע געזעץ אדער געזעץ פון אן אנדערע סטעיט פאר קאנאביס באזיץ וואס איז נישט א 'פעלאני' פארברעך אין ניו יארק סטעיט
- אפגעשטופּטע פעלער אין באטראכט צו ארויסגעווארפן ווערן ( Adjournment in (Contemplation of Dismissal, ACD
- אורטיילן אלס א יונגע פארברעכער אדער פון קינדער
- אורטיילן אויף די זייט פון דעם אנגעקלאגטן, ארייננרעכענענדיג צווישן אנדערע נישט געפונען ווערן שולדיג אדער אויפגעוויזן ווערן אלס אומשולדיג און איבערגעדרייטע אורטיילן נאכן אפעלירן
- אורטיילן אין קרימינאלע פעלער אונטער פעדעראלע געזעץ אדער געזעץ פון אן אנדערע סטעיט אויף
  און ענליכע וועג ווי איינע פון די וואס זענען אויסגערעכנט דא.

עס איז אומלעגאל פאר א האוזינג פּראָווײַדער וואס איז מחוייב צו דעם געזעץ צו נעמען אין באטראכט אינפארמאציע אין די קאטעגאריעס. אין צוגאב, קענען פירמעס וואס זוכן אינפארמאציע אויף טענאנטס געהאלטן ווערן פאראנטווארטליך אונטער פעדעראלע יושר'דיגע האוזינג געזעצן פאר דיסקרימינירנדע באשלוסן דורך האוזינג פּראָווײַדערס.

---

## רעכט צו ארייינגעבן באווייזן אין שטיצע פון אייער אפליקאציע

נאכן נעמען אין באטראכט נאר אזעלכע באשולדיגונגען וועלכע מעגן איבערגעקוקט ווערן, מוז א האוזינג פּראָווײַדער וואס איז מחוייב צו דעם געזעץ וואס וויל צוריקציהען א האוזינג אפפער <u>**דורכגיין די יושר'דיגע טשאנס פאר האוזינג פּראָצעדור**</u> בשעת'ן נישט פארקויפן אדער פארדינגען די יוניט פאר א צוויי. זיי מוזן:

1. אייך גיבן א קאפיע פון אלע קרימינאלע פארגאנגענהייט אינפארמאציע וואס זיי האבן ערהאלטן און/אדער איבערגעקוקט
2. אייך גיבן 5 ביזנעס טעג צו גיבן אן אנטווארט דורכן:
   - אנווייזן אויף טעותים אין די קרימינאלע פארגאנגענהייט
   - אנווייזן אויף סיי וועלכע אינפארמאציע וואס וואלט נישט געדארפט צו גענומען ווערן אין באטראכט (סיי וועלכע אינפארמאציע אינדרויסן פון די באשולדיגונגען וואס מעגן געזעצליך איבערגעקוקט ווערן)
   - מיטטיילן אינפארמאציע איבער אייער הונטערגרונט, פערזענליכע און פראפעסיאנאלע קאנטאקטן און/אדער סיי וועלכע אינפארמאציע וואס שטיצט אייער אפליקאציע.

איר זענט נישט פארלאנגט צו איבערגעבן אינפארמאציע אין שטיצע פון אייער אפליקאציע ביי די שטאפל. א האוזינג פּראָווײַדער מוז דורכפירן א פערזענליך-ספעציפישע איבערבליק אפילו אויב איר גיבט נישט איבער קיין אינפארמאציע צו שטיצן אייער אפליקאציע.

---

## רעכט צו א פערזענליך-ספעציפישע איבערבליק פון אייער אפליקאציע

**א האוזינג פּראָווײַדער וואס איז מחוייב צו דעם געזעץ מוז דורכפירן א פערזענליך-ספעציפישע איבערבליק פון די באשולדיגונגען וואס מעגן גענומען ווערן אין באטראכט, צוזאמען מיט סיי וועלכע אנדערע אינפארמאציע וואס איר האט אריינגעגעבן צייטליכערהייט.**



קאנטאקט אינפארמאציע
www.nyc.gov/HumanRights
212-416-0197
22 Reade Street, New York, NY 10007

| א האוזינג פראָווײַדער וואס איז מחויב צו דעם געזעץ קען נישט צוריקציהען א האוזינג אפפער אונטער תנאי נאכן דורכפירן א קרימינאלע פאראנגענהייט איבערבליק חוץ אין צוויי **באגרעניצטע פעלער:** | |
|---|---|
| נאכן דורכפירן א פערזענליך-ספעציפישע איבערבליק אויב זיי שטעלן פאר אין שריפט ביידע פון די פאלגנדע:<br>• א לעגיטימע ביזנעס אינטערעס און<br>• וויאזוי די לעגיטימע ביזנעס אינטערעס איז פארבינדן מיט אייער פערזענליכע היסטאריע. | אויב זיי ווייזן *נייע אינפארמאציע, נישט פארבינדן צו א קרימינאלע פאראנגענהייט* וואס נעמען אוועק אייער קוואליפיצירונג צו זיין א טענאנט וואס זיי האבן נישט געוואוסט ביי די צייט פון די אפפער אונטער תנאי. |

### לעגיטימע ביזנעס אינטערעס

א לעגיטימע ביזנעס אינטערעס פון א האוזינג פראָווײַדער וואס איז מחויב צו דעם געזעץ מוז זיין ספעציפיש און אביעקטיוו. דאס אויספאלגן א געוויסע תנאי פון די ליעס אפמאך איז אן ערלויבטע לעגיטימע ביזנעס אינטערעס. מאטיוון, סטיגמעס, סטערעאטיפן אדער שפעקולאציעס וואס קומען בלויז אלס דיסקרימינאציע זענען קיינמאל נישט א לעגיטימע ביזנעס אינטערעס.

א האוזינג פראָווײַדער וואס איז מחויב צו דעם געזעץ וואס שטעלט פאר א לעגיטימע ביזנעס אינטערעס מוז אויך **ערקלערן** די פארבינדונג צווישן די אינטערעס און צווישן אייער ספעציפישע פערזענליכע היסטאריע אין ליכט פון די פערזענליכע אינפארמאציע וואס איר האט מיטגעטיילט כדי צו בארעכטיגן א באשלוס צו צוריקציהען אייער האוזינג אפפער אונטער תנאי. **די עקזיסטענץ פון א באשולדיגונג אליין איז קיינמאל נישט די פארבינדונג.**

די פאלגנדע משלים זענען נישט קיינע לעגיטימע ביזנעס אינטערעסן און נישט קיין צופרידנשטעלנדע פארבינדונג צו בארעכטיגן א באשלוס פון א האוזינג פראָווײַדער צו צוריקציהען אן אפפער:

- "מיר ווילן נישט קיינע שלעכטע פארשוינען זיך ארומדרייענדיג דא"
- "מיינע טענאנטס ווילן נישט קיינע קרימינאלן"
- "מיינע אינשורענס ראטעס וועלן ארויפגיין"
- "דאס וועט שעדיגן די ווערט פון מיין פראפערטי"
- "איך וויל נישט צוציהען קיין געזעץ אינפארסירונג צו מיין פלאץ"
- "דער אפליקאנט זעהט אויס ווארשיינליך צו באגיין א נאך א פארברעכן און איך וויל אז מיינע טענאנטס זאלן זיין זיכער"
- "דאס איז א פאמיליע געביידע"

### צוריקציהען א האוזינג אפפער אונטער תנאי

בעפאר א האוזינג פראָווײַדער וואס איז מחויב צו דעם געזעץ קען צוריקציהען אן אפפער אונטער תנאי צוליב אייער קרימינאלע פאראנגענהייט, **מוז** דער האוזינג פראָווײַדער אונטערנעמען די פאלגנדע שריט:

1. מאכן א פערזענליך-ספעציפישע איבערבליק פון אייערע באשולדיגונגען וואס מעגן איבערגעקוקט ווערן **און** די אינפארמאציע וואס איר האט איבערגעגעבן
2. אייך געבן קאפיעס פון אלע דאקומענטן וואס זיי האבן ערהאלטן און/אדער איבערגעקוקט
3. אייך געבן א געשריבענע סטעיטמענט וואס ערקלערט:
    - די באשלוס צו צוריקציהען די אפפער באזירט אויף אייערע פאראנגענע באשולדיגונגען **און** די פארבינדונג צו א לעגיטימע ביזנעס אינטערעס
    - וויאזוי אייערע פערזענליכע אינפארמאציע און אומשטענדן זענען גענומען געווארן אין באטראכט

---

## אויסנאמען פאר האוזינג פראָווײַדערס

- פראפערטיס וואו דער האוזינג פראָווײַדער וואוינט אויפן ארט מיט 2 אדער ווייניגער צימערן אדער יוניטס פאלן נישט אריין אונטער דעם NYC יושר'דיגע טשאנס פאר האוזינג געזעץ.
- סטעיט אדער פעדעראלע רעגירונג פינאנצירטע האוזינג פראָווײַדערס, אריינרעכענענדיג פובליק האוזינג אויטאריטעטן וואס זענען פארלאנגט אדער אויטאריזירט צו אונטערנעמען ספעציפישע שריט אין פארבינדונג צו קרימינאלע פאראנגענהייט **קענען** אונטערנעמען ספעציפישע שריט אין פארלעצן דעם NYC יושר'דיגע טשאנס פאר האוזינג געזעץ.

---

פאר נאך אינפארמאציע איבער רעכטן פון טענאנטס און מענטשן וואס ווילן קויפן האוזינג און די פאראנטווארטליכקייטן פון האוזינג פראָווײַדערס אונטער דעם NYC יושר'דיגע טשאנס פאר האוזינג געזעץ, און אזוי אויך צו זעהן די איינמעלדונג אין מערערע שפראכן, באזוכט [NYC.gov/FairChanceHousing](https://NYC.gov/FairChanceHousing).

**דערמאנונג:** אלע ניו יארקער האבן א רעכט צו זיין פריי פון נקמה אין האוזינג. עס איז אומלעגאל פאר האוזינג פראָווײַדערס אין NYC אייך צו באשטראפן אדער אייך צו באהאנדלען נעגאטיוו צוליבן זיי זאגן איבער אייערע רעכטן אדער צוליב באריכטן דיסקרימינאציע אדער באלעסטיגונג.